# די פּען 27

חשון תשנ"ז　　חודשלעכער זשורנאַל פאַר ליטעראַטור　　אָקטאָבער 1996




# די פּען 27

חשון תשנ"ז \ אָקט. 1996



רעדאַקטאָר:
הירשע=דוד קאַץ

פאַרוואַלטונגס=רעדאַקטאָר:
גענאַדי עסטרייך

רעדאַקציע:
מאיר באָגדאַנסקי
אליקום=געצל קלעפּפיש
דוב=בער קערלער

קאָרעספּאָנדענץ:
The Yiddish Pen
Golden Cross Court
4 Cornmarket
Oxford OX1 3EX
England



אָפּצאָל:
£33 ($49) אַ יאָר
מיט לופט, אומעטום



טעלעפאָן:
(+) 44 1865 798989

פאַקס:
(+) 44 1865 798987

עלעקטראָניש:
yiddishstudies@
oxf-inst.demon.co.uk



נעגרינדעט פון דער
משפחה טאַבאַטשניק
צום אָנדענק פון
יידישן שרייבער
און דערציער
מענדל טאַבאַטשניק
(1975 — 1894)

פאַרלאַג „דריי שוועסטער“



אברהם קאַרפּינאָוויטש (תל אביב):
אַ פאַרשטערטע ליבע (אַ ווילנער דערציילונג) 1

## פּאָעזיע

באָרים קאַרלאָוו (וואָלווערקאָט):
אַ שטיל געזאַנג 14

לאה שלאָסמאַן (סאַראַסאָטאַ, פלאָרידע):
אין די גרינע בערג, חודש יולי 15

ליסאַ=לאה יענסקי (קאָלאָמבוס, אָהאַיאָ):
אויפן לאַן פון דיין גוף 16

## אינטערוויו

מרדכי צאַנין
(אינטערוויואירט — באָרים סאַנדלער) 17

## אָפּקלאַנגען

חנה מלאָטעק (ניו=יאָרק):
וועגן ז. ש. פּראַווערס ווײַנרייך זכרונות 21

מ. אָליצקי (ניו=יאָרק):
וועגן וויליאַם בלייקס אַ שורה 21

לילקע מייזנער (לאָס אַנדזשעלעס):
וועגן דער שפּראַך פון קאָבי ווייצנערס
דערציילונג „דירה געלט“ 21

## פילאָלאָגיע

הירשע=דוד קאַץ (אָקספאָרד):
יידיש און ראָטוועלש 23


הילע:
די הילע (שטאַרק פאַרקלענערט) פון „וואו מיט אַן אלף“, דאָס ערשטע בוך לידער פון יונגן יידישן פּאָעט באָרים קאַרלאָוו. דער באַנד איז ערשט דערשינען ביים פאַרלאַג „דריי שוועסטער“.

# יידיש און ראָטוועלש

הירשע־דוד קאַץ

צומאָל קומט אויס צו הערן אַ סברא, אַז אַקאַדעמישע פאָרשונגען שטייען מחוץ די אַלע פּאַרטיקע השגות וואָס זײַנען חל אין דער „דרויסנדיקער וועלט". אינדעראמתן זײַנען אויך אין דער וויסנשאַפט (און בפרט נאָך אין די סאָציאַלע וויסנשאַפטן) ניטאָ קיין ווערק וואָס שטייען „על טהרת הנייטראַלקייט". שוין דער עצם אָפּקלײַב פון אַ טעמע שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּסיכאָלאָגישן, סאָציאָלאָגישן — און אַ פּאָליטישן — באַשלוס (זע פעלץ 1990: 142).

אַז מ׳נעמט אין באַטראַכט די אַנגעווייטיקטע סאָציאָלאָגיע פון יידיש, איז עס קיין חידוש ניט, וואָס די נײַע יידישע פילאָלאָגיע האָט בדרך כלל געווייכט פון אויספאָרשן די שפּראַכיקע און היסטאָרישע באַציאונגען צווישן יידיש און ראָטוועלש (גאַונערשפּראַכע, די דײַטשישע גנבים־שפּראַך). וואָס דאַרף מען נאָך, אַז מאַרטין לוטער, דער גרינדער פונעם פּראָטעסטאַנטיזם, האָט בכבודו ובעצמו אָנגעשריבן אַ פאָררעדע צו דער אויפלאַגע פונעם ליבער וואַגאַטאָרום פון 1528, אין וועלכער ער באַשולדיקט, אַז ראָטוועלש שטאַמט פון די יידן, און דער באַווײַז: די גרויסע צאָל העברעאישע ווערטער וואָס אין ראָטוועלש (לוטער 1528: [1]). ווי אַ באַשטאַנדטייל פון דײַטשישן אַנטיסעמיטיזם, ציט זיך דער „שפּראַך בילבול" (אַז די באַנדעס קרימינאַלן אין דײַטשלאַנד באַשטייען דער עיקר אָדער אינגאַנצן פון יידן), פון לוטער און אַזש ביז אין צווישנמלחמהדיקן דײַטשלאַנד (זע למשל הערמאַנען עססערס *Die jüdische Weltpest*, און דעם קאַפּיטל דאָרטן א.נ. «Der Jude als Vater der Gaunersprache» (עססער 1927: 115).

בער באָראָכאָוו, דער גאון און גרינדער פון דער נײַער יידישער פילאָלאָגיע, האָט פונדעסטוועגן פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון דער טעמע „ראָטוועלש" פאַר דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פון יידיש. אין זײַן „ביבליאָטעק פונעם יידישן פילאָלאָג" פיגורירט די אָפּטיילונג „קרימינאַליסטישע שריפטן מכח יידיש־טײַטש" [באָראָכאָווס דעמאָלטיקער טערמין פאַר אַלט־יידיש], און ער דערקלערט באַלד אויף אַן אָרט, אַז „דאָס איז ניט נאָר דאָס זעלבע, וואָס שונד ליטעראַטור" (באָראָכאָוו 1913ב: 12—13, נג. 56—67).

טייל פון די אַמאָליקע ביכער וועגן די יידיש־ראָטוועלשישע צווישנשײַכותן זײַנען טאַקע אַנטיסעמיטיש געשטימט אָבער בשום אופן ניט אַלע. ס׳איז אַ לעגיטים וויסנשאַפטלעך געביט אויף וועלכן עס זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן אַ סך ווערק, וואָס דיפערענצירן זיך שטאַרק, סײַ אין דער אײַנשטעלונג צו דער זאַך מצד דעם מחבר און סײַ אין זייערע פאָרשערישע פעאיקייטן. טאַקע אַ ביסל ווײַטער אין דער „ביבליאָטעק" שרײַבט באָראָכאָוו אַז:

> דאָס איז אויך אַ פּרק אין דער יידישער שפּראַך־וויסנשאַפט. [...] ס׳איז אויך קיין וואונדער ניט: יידן האָבן אין אַלע צײַטן אויסגעמאַכט אַ הויכן פּראָצענט צווישן די גנבישע און שווינדלערישע באַנדן. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס אין די גנבישע דיאַלעקטן פון די אומות העולם, בפרט אָבער אין דײַטשלאַנד, געפינט זיך אַ סך ווערטער פון יידיש; און דערהויפּט זײַנען דאָס פאַרדאַרבענע העברעאישע און אַראַמעאישע ווערטער.
>
> (באָראָכאָוו 1913ב: 50 [נאָך נ. 403])

עס דאַרף ניט איבערראַשן, אַז באָראָכאָװס רייד זײַנען געװען נוטה למחלוקת. מאַקס װײַנרײַך האָט אַנדערש געטײַטשט דעם פּסוק, דהײַנו אַז „אינדערעמתן איז דאָ נאָר געקומען צום אױסדרוק דער פֿאַקט, אַז די גנבים כאַפּן זיך בײַם שאַפֿן זײַער געהײם לשון צו אַזױנע שפּראַכיקע עלעמענטן, װאָס זײַנען דעם רובֿ באַפֿעלקערונג ניט באַװוּסט". באַלד אױף אַן אָרט גיט ער אָבער דעם לײענער צו װיסן אַז „אַנדערש טײַטשט דאָס באָראָכאָװ", מיט אַן אָפּשיק צו באָראָכאָװס אָקערשט ציטירטע רייד (מ. װײַנרײַך 1940: 78).

װעגן דעם עטניש=דעמאָגראַפֿישן צונױפֿשטעל פֿון די דײַטשישע גנבים=באַנדעס אין גאַנג פֿון די לעצטע טױזנט יאָר װעט מען זיך נאָך אַמפּערן. דער איצטיקער ציל איז גאָר אַן אַנדערער. בײַ הײַנטיקן טאָג איז דער סאָציאַלער מעמד פֿון דער ייִדישער שפּראַך אין דער מערבֿדיקער אינטעלעקטועלער װעלט ניט צו פֿאַרזינדיקן; דער טראַגישער קריזיס פֿון װעלטלעכן סעקטאָר פֿאַרמינערט ניט אױף קײן האָר אָטאָ דעם סאָציאַלן מעמד. עס איז געקומען די צײַט, װען די ייִדישע פֿילאָלאָגיע קען זיך רואיק נעמען צו אַ ל ע שײַכותדיקע פֿאָרשונגס=געביטן װאָס זײַנען איר װיכטיק, ניט קוקנדיק אױף אַװעלכע ניט איז פּריקרע געפֿילן װאָס געװיסע טעמעס רופֿן אַרױס.

די צװײ ענינים װאָס קומען דאָ אין באַטראַכט װערן אױפֿגעשטעלט פֿון שטאַנדפּונקט פֿון י י ד י ש. די גרונט=פֿראַגע בײַ זײ בײדע איז אָט װעלכע: װאָס קען טױגן דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע זיך גריבלען אין דער דײַטשישער גנבים=שפּראַך פֿון אַמאָל?

*

## צום עלטער פֿון ייִדיש

װעגן דעם עלטער פֿון דער ייִדישער שפּראַך האָט מען אַ סך געשריבן, און זיך ניט װײניק געשפּאַרט. אין איצטיקן קאָנטעקסט איז אַװדאי אױפֿן אָרט צו באַטאָנען, אַז דער ערשטער געלערנטער װעלכער האָט זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר אַ הױכן עלטער פֿון י י ד י ש איז גראַדע געװען דער גרעסטער דײַטשישער פֿאָרשער פֿון ר אָ ט װ ע ל ש, אַװע=לאַלעמאַן (1809—1892). ער איז געװען אַ פּאָליצײ באַאַמטער אין ליבעק, אין צפֿון דײַטשלאַנד, און האָבנדיק איבערגענוג געלעגנהײטן זיך צוצוהערן צום לשון פֿון „זײַנע" גנבים האָט ער זיך גענומען, סײ צו קרימינאַל ראָמאַנען און סײ צו דער ראָטװעלש פֿאָרשונג. זײַן פֿירבענדיק מײַסטערװערק, *Das deutsche Gaunerthum* איז מערקװערדיק, ניט בלױז לינגװיסטיש נאָר אױך קולטור=היסטאָריש: די פֿאָרשונג פֿון דער דײַטשישער גנבים=שפּראַך האָט דעם דײַטש דערפֿירט צו אַן אומגעהײַערן דרך=ארץ צו ייִדיש גופֿא (און הײסן װעט דאָס הײסן, על=פּי רובֿ, צו מערבֿ ייִדיש, װאָס איז שױן דעמאָלט געװען „ניט בײַ די מײדלשע כּוחות"). און דער עיקר: ניט נאָר צו דרך=ארץ, נאָר צו — פֿאָרשערישע מעשׂים.

אַװע=לאַלעמאַן, װעלכער איז אױך געװען, אגבֿ, דער ערשטער היסטאָריקער פֿון דער ייִדישער לינגװיסטיק, האָט אױפֿגעשטעלט אַ סכעמע פֿאַר די באַציאונגען צװישן ייִדיש און ראָטװעלש װאָס בלײַבט גילטיק עד היום. זי נעמט אַרײַן אָט װעלכע גרונט=הנחות: ראָטװעלש האָט „געפֿונען" די ייִדישע שפּראַך אַן אױסגעפּאַרטיקטע, ד.ה. ייִדיש איז שױן געװען, דעמאָלט װען ראָטװעלש האָט גענומען בײַ איר נאַשן; אַז ייִדיש איז אַזױ אָרום, היסטאָריש גערעדט, אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פֿון ראָטװעלש בשעת װען ראָטװעלש פֿאַרקערט איז שטאַרק אָפּהענגיק פֿון ייִדיש; אַז ראָטװעלש איז אױפֿגעקומען װי אַ פּועל=יוצא פֿונעם צוזאַמענלעבן פֿון די נידעריקסטע שיכטן פֿון דער קריסטלעכער און פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט (װעגן דעם פּגל. גלאַנץ 1968).

וואָס שייך יידיש, האָט אַווע־לאַלעמאַן זיך אַפילו אָנגענומען אַ מוט, ער האָט קריטיקירט די שטעלונג פונעם גרינדער פון דער דייטש־יידישער Wissenschaft des Judentums, לעאָפּאָלד (יום־טוב ליפמאַן) צונץ, וועלכער האָט געהאַט פּאָסטולירט אַ יונגן עלטער פון יידיש; צונצן איז געגאַנגען אין דערווייזן סאַראַ עכטע דייטשן עס זיינען די יידן (צונץ 1832: 438; אַווע־לאַלעמאַן 1858-1862: III, 204—207). אַווע־לאַלעמאַנען ווידער, האָט אָפּגעענטפערט דער גרויסער דייטש־יידישער ביבליאָגראַף שטיינשניידער (1864: 36).

אין דער נייער צייט האָט שלמה בירנבוים אויפגעשטעלט די טראַדיציע אין דער יידיש פאָרשונג, אַז יידיש איז בערך טויזנט יאָר אַלט (בירנבוים 1939א). ביזן היינטיקן טאָג פירן זיך אָבער ווייטער די וויכוחים איבער דעם ענין (ביבליאָגראַפיע אין קאַץ 1991א: 22—25, 84). אַ היפשער חלק פון דער דיסקוסיע פירט זיך אויפן סמך פון די פאַרשיידענע מעטאָדן פון לינגוויסטישער רעקאָנסטרוקציע און פון פּאָסטולירונגען וואָס בויען זיך אויף דער אַלגעמיינער געשיכטע.

די עלטסטע באַקאַנטע יידישע כתב־ידן קענען ווייניק צו הילף קומען ביי אָט דער פראַגע, פשוט דערפאַר וואָס מ'איז שטאַרק מחולק וואָס שייך זייער שפּראַכיקן מהות. זאָל דאָ קלעקן צו נעמען פאַר אַ משל דעם קיימברידזשער קאָדעקס פון 1382 און די פלוגתא צווישן פוקס און ווײַנרייך, וועלכע האַלטן דעם מאַנוסקריפּט פאַר „יידיש", מיט מאַרשאַן, וועלכער האַלט אים פאַר „דייטש" (זע פוקס 1957: xxvi—xxix; מאַרשאַן 1959: 385—391; ווײַנרייך 1960).

ווי מ'זאָל ניט האַלטן, בלייבט אַ צרה, וואָס די אַלט־יידישע ליטעראַרישע שפּראַך איז געווען שטאַרק סטיליזירט אין דער ריכטונג פונעם דעמאָלטיקן דייטש. חוץ דעם האָט מען זיך „געהיט" ניט צו באַנוצן זיך מיט עלעמענטן וואָס שטאַמען פון לשון־קודש אָדער אַראַמיש (זע קאַץ 1991א: 25—30). אַכלל, פון די פריאיקע שריפטלעכע מאָנומענטן אונדזערע קען מען קיין סך ניט אָפּלערנען וועגן דעמאָלטיקן גערעדטן לשון פון די אשכנזים.

ראַטוועלש קען דאָ פּרינציפּיעל צו הילף קומען, נעמענדיק אין באַטראַכט אָט וועלכע הנחות:

ערשטנס, אַז דער יידישער עלעמענט אין ראַטוועלש איז געליען געוואָרן (אַז ס'גייט אין גנבים־שפּראַך איז אפשר מער אויפן אָרט צו זאָגן: „געלקחנט") פון דער שפּראַך פון די יידן (צי פון יידיש, צי דירעקט פון אשכנזישן לשון־קודש).

והשנית, אַז אַ פאָרמע (וואָס מיר קענען פון שפּעטערדיקן דאָקומענטירטן יידיש), וואָס טרעפט זיך אין אַ דאַטירטער טראַנסקריפּציע פון ראַטוועלש, איז זיכער געווען אויף יידיש פ אַ ר יענעם יאָר, מן הסתם אַ ס ך פאַר דעם, מחמת ס'ליגט זיך קוים אויפן שכל אַז צו די היינטיקע געלערנטע זיינען דערגאַנגען גראָד אַזעלכע ראַטוועלשישע דאָקומענטאַציעס וואָס זיינען „פּונקט אייערנעכטן" אויפגעקומען אין דער מקור שפּראַך גופא. זיי זיינען מסתמא שוין אַריבער אין ראַטוועלש לאַנג פאַר דעם ווי זיי זיינען צופעליק אויפגעשריבן געוואָרן אין אַ דאַטירטן מקור.

דריטנס, די יידישע פילאָלאָגיע דאַרף זיך באַציען קאַלטבלוטיק־נייטראַל לגבי די מקורות וואָס קענען איר וויכטיק זיין. ס'קומט טאַקע אויס מאָדנע־משונה, אַז די שפּראַכיקע עווידענץ פון יידישע ליי־ווערטער אין ראַטוועלש קען אָנווייזן אויפן טאָגטעגלעכן יידיש פון אַלטן אשכנז מער איידער די שענסטע עפּישע פּאָעמעס פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור. נאָר טאָמער איז דאָס אַזוי — איז דאָס. יעדער פילאָלאָג איז אָפּהענגיק פונעם „קאָרפּוס", פונעם פאַראַנענעם מאַטעריאַל וואָס לאָזט זיך

אַנאַליזירן, ניט פֿונעם מאַטעריאַל וואָס מ׳ווינטשט זיך . . .

*

## זיבן ווערטער — פֿון פֿאַר 1500

טאָ וואָס פֿאַראַ ראיות וועגן אַלט־יידיש קען מען ברענגען צו טראָגן פֿון ראָטוועלש? די ווייטערדיקע זיבן ביישפּילן, פֿון פֿאַר 1500, ווערן געבראַכט פֿון מוסטער וועגן. אַן אויסשעפּיקע זאַמלונג בלייבט אַ באַדייטנדיקע אויפֿגאַבע פֿאַר דער יידישער פֿילאָלאָגיע.

ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל דאַרף מען אָבער באַטאָנען, ווי אָפּגעהיט מ׳דאַרף זיין ביים משיג זיין אין וואָס דאָ גייט. די געבראַכטע ווערטער זיינען ניט יידיש. זיי זיינען ראָטוועלש. נאָר וואָס, זיי זיינען אַריין אין ראָטוועלש פֿ ו ן יידיש (אָדער פֿונעם אשכנזישן לשון־קודש ביי יידיש ריידנדיקע יידן). אַזוי אַרום קענען מיר עפּעס וואָס אָ פּ ל ע ר נ ע ן פֿון אַיעטוועדער אַנטלייאונג בנוגע צו דער מקור שפּראַך. דאָ גייט אין אַן אומדירעקטן מקור צו דער יידישער שפּראַך פֿון אַ געוויסן צייט־און־אָרט. פֿון אַן אומדירעקטן קוואַל קען מען צומאָל געוואָר ווערן אָן אַ שיעור מער איידער פֿון אַ דירעקטן. אַ פֿאָרגעלייגטע פֿאָנעטישע טראַנסקריפּציע צו יעדן וואָרט ווערט געבראַכט אין קאַנטיקע קלאַמערן: [ ]. דער טייטש פֿונעם וואָרט גייט אין איינציקע גענדזנפֿיסלעך: ‘ ’. די זיבן ווערטער שטאַמען פֿון צוויי מאַנוסקריפּטן וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר פּראָטאָטיפּן פֿון טייל מאַטעריאַלן וואָס זיינען אַריין אין ליבער וואַגאַטאָרום, דאָס באַוואוסטע „בעטלער בוך”, וואָס איז צוערשט אָפּגעדרוקט געוואָרן אַרום 1510 (וועגן די פֿאַרשיידענע דרוקן פֿון דעם בוך, זע ראָזענפֿעלד 1988). דער ערשטער מאַנוסקריפּט (פֿון וואַנעט עס שטאַמען אונדזערע ערשטע דריי ווערטער), איז פֿון באַזעל, פֿון די יאָרן 1430—1444 (אין קלוגע 1901: נ. IX, זז. 8—16); דער צווייטער (פֿון וואַנעט אונדזערע ווערטער 4—7) שטאַמט פֿון ציריך, 1488 (אין קלוגע 1901: נ. XI, זז. 19—20).

(1) lem (פֿון 1430—1444, אין קלוגע 1901: 15).

אַפּנים [lēm] — ‘ברויט’. פֿון: לחם. דאָס פֿעלן פֿון אַן ענטפֿערער אויפֿן היסטאָרישן חית איז אַ לעבעדיקער באַווייז אויפֿן אַמאָליקן יידישן דיאַלעקט פֿון די „בני־הית” אין מערבדיקן טייל פֿון אַלטן אשכנז (זע ווייַנרייך 1958; קאַץ 1991ב). ביי די רבנים טרעפֿט מען באַמערקונגען וועגן דעם פֿענאָמען, וואָס איז צו יענער צייט געוואָרן דער פּאָפּולערער „סימן” אויף פֿאַנאַנדערצוטיילן די צוויי הויפּט־גרופּעס וואָס אין אַלטן אשכנז און זייערע פֿאַרשיידנאַרטיקע מנהגים: די בני־חית אין דאָניי געגנט און די בני־הית אין ריין געגנט. ביי די רבנים רעדט מען ו ו ע ג ן אָטאָ דעם שטריך. פֿון ראָטוועלש האָבן מיר טראַנסקריפּציעס ממש, וואָס זיינען מדעיקרא מסוגל אונדז איבערצוגעבן אַ שלל מיט שפּראַכיקע דעטאַלן, וואָס ווערן אינגאַנצן פֿאַרהוילן אין דער היסטאָרישער העברעאישער שרייבונג. אגב, אויך די בני־חית פֿאָרמע איז אַריין אין ראָטוועלש (למשל lechem ביי עדליבאַך אין 1490, אין קלוגע 1901: 19).

ס׳איז שווער מכריע צו זיין אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט, צי דאָ גייט אין אַ דעמאָלטיק גייאיק וואָרט פֿון פּשוטן יידיש וואָס איז איבערגענומען געוואָרן אין ראָטוועלש, צי אַ לשון־קודש וואָרט וואָס ראָטוועלש האָט „צוגענומען” פֿון אומפֿאַרשטענדלעכקייט וועגן. אַזוי ווי ביי אַלע סודותדיקע שפּראַכן, איז אומפֿאַרשטענדלעכקייט דער הויפּט־ציל פֿון דער שפּראַך, און דערפֿאַר איז גילטיק אַ כסדרדיקער פּראָצעס פֿון רעלעקסיפֿיקאַציע,

ד.ה. מ׳דאַרף כסדר אויסזוכן נייע „סודותדיקע ווערטער“, נאָכדעם ווי דער באַדייט פון די אַלטע ווערט באַקאַנט (זע האַלידעי 1976: 571). אויב פסקענען לויטן שפּעטערדיקן מערבדיקן ייִדיש, איז לחם זיכער געווען אַ פּשוט ייִדיש וואָרט (זע למשל ביבליאָפּילום 1742: 37; זעליג 1792: 206). און פאַרגעדענקען דאַרף מען, אַז מערב ייִדיש האָט געהאַט אַ סך אַ גרעסערן סעמיטישן קאָמפּאָנענט איידער אונדזער מאָדערנער ייִדיש (זע נאָבל 1964; קאַץ 1991א: 30—33).

(2) sevelboß

(3) sunnenboß (ביידע פון 1430—1444, אין קלוגע 1901: 16).

אַפּנים [zḗvəlbōs] — ‚מיסט־הויז‘, ‚אָפּפאַל אָרט‘. פון: זבל ‚מיסט‘, ‚אָפּפאַל‘ + בית ‚הויז‘; און [zúnənbōs] — ‚זונה־הויז‘, ‚באָרדעל‘, פון: זונה+בית. דאָס זיינען דוגמאותּ פון צונויפ־העפטן פון סובסטאַנטיוון, וואו ביידע עלעמענטן אינעם צונויפהעפט שטאַמען פון העברעאיש, נאָר וואָס, דער צונויפשטעל איז לויטן אינדאָ־אייראָפּעאישן גענעטיוו, ניט לויט דער סעמיטישער סמיכות (וואָס וואָלט מחייב געווען: בית־זבל און בית־זונות). אין ייִדיש קענען מיר דעם פענאָמען ביי אַזעלכע ווערטער ווי (להבדיל) ישיבה־בחור און שבת־גוי. הייסט דאָס אַז דער עצם פענאָמען האָט געמוזט זיין אויך אינעם אַלטן ייִדיש פון וואַנעט ראָטוועלש האָט די־אָ ווערטער „געלקחנט“.

דערצו קען מען געוואָרנטערהייט פּאָסטולירן אַז אונדזער באָס אין באַלעבאָס (פון: בעל־הבית) און באַלעבאָסטע (פון: בעל־הבית + תא), איז אַ שריד־ופליט פאָרמע פון אַן אַמאָליקער סעריע צונויפהעפטן וואָס האָבן זיך אויסגעלאָזן אויף באָס. פאַרגעדענקען דאַרף מען אָבער, אַז באַלעבאָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ פאָנאָלאָגישע (און סעמאַנטישע) פאַריידישונג פון בעל־הבית; דער סינטאַקטיש־מאָרפאָלאָגישער בוי פונעם צונויפהעפט איז דער גע‎ירשנט־סעמיטישער.

צו דער פאָנאָלאָגיע איז קלאָר, אַז דאָס ייִדישע וואָרט אויף ‚הויז‘, פון וואַנעט ראָטוועלש האָט ז י י ן וואָרט דערויף איבערגענומען, און וואָס שטאַמט פון לשון־קודשדיקן בית, איז ניט געווען bájis ווי אין אשכנזישן לשון־קודש, אלא וואָדען: bōs, פּונקט ווי אין אונדזער באַלעבאָס (און באַלעבאָסטע). זיינען מיר בכח אָפּדרינגען צוויי זאַכן. ערשטנס, אַז די געשטאַלט באָס אין באַלעבאָס (דרומדיק balәbú̄(ә)s || צפונדיק balәbɔ́s), איז גאָר אַן אַלטע דערשיינונג, וויבאַלד אַז אין פופצנטן יאָרהונדערט איז עס שוין פאַראַן געווען אין ראָטוועלש, אַ ראיה האָבן מיר פאַרדערפאַר, אַז ביים ג ע ב ע ר, דאָס הייסט אין ייִדיש גופא, איז עס אַ־סברא פאַראַן געווען נאָך לאַנג פאַר דעם.

דער באַטאָנטער וואָקאַל אין באַלעבאָס, אין לעצטן טראַף, דעקט זיך מיט דער דיאַפאָנעם וואָס רופט זיך ביי ייִדישע פילאָלאָגן „וואָקאַל 12“: מערב ייִדיש ō || דרומדיק מזרח ייִדיש ū (~ ūә ~ u) || צפון־מזרח ייִדיש ɔ; אַזוי אַרום: מערב ייִדיש bal(ә)bṓ(ә)s || דרומדיק מזרח ייִדיש balәbū́s (~ balәbū́әs ~ balәbús) || צפון־מזרח balәbɔ́s. אויב מ׳זאָל זיך באַנוצן מיטן סטאַנדאַרדן טבריהר ניקוד פאַרן אויסגאַנג־פּונקט, קען מען פּאָסטולירן אַז די קאָמבינאַציע פּתח + יוד (אַ מין aj) האָט דאָ געשפּילט אַ ראָלע (הגם אַזאַ מין ראָלע זעט זיך לחלוטין ניט אין ירושלים, לחיים און מים). מ׳קען האַלטן אַז אַ מין אַנאַלאָגיע מיטן פּלוראַל בתים (batim, פון: battī́m) האָט געשפּילט אַ ראָלע, על־פּי צוריקשאַפונג. און מ׳קען אויך באַטראַכטן די פּראָבלעם אין צוזאַמענהאַנג מיט דער לפּי־ערך קליינער סעריע וואו פּתח יאָוועט זיך אויף ייִדיש ווי וואָקאַל 12: די טיפּן נחום, (צו)להכעיס, קדחת, תחת, תענית (זע בירנבוים 1922: 22; ווײַנרייך 1973, II: 44; קאַץ 1991א: 55—65). דאָס אַלץ

געהערט אָבער אַן אַנדער סוגיא.

(4) büß

(5) sunnenbüß (ביידע פון 1488, אין קלוגע 1901: 19).

אַפּנים [büs] — ׳הויז׳; און [zúnənbüs] — ׳זונות־הויז׳.

די געפֿאָדערשטע ü וואָקאַלן דערמאָנען תיכּף אין די־אָ אַמאָליקע יידישע דיאַלעקטן פון וואַנעט עס איז אויסגעוואַקסן דער גרויסער דרומדיקער מאַסיוו פון מאָדערנעם יידיש: צענטראַל־מזרח יידיש („פּויליש") און דרום־מזרח יידיש („וואָלינער", „אוקראַיניש"). שלמה בירנבוים האָט טאַקע דערוויזן מיט אַ באַרג מיט אסמכתאות (סיי יידישע סיי פון דער קריסטלעכער העברעאיש פאָרשונג), אַז דער עלטסטער איבעררוק אין דער סעריע איבעררוקן וואָס כאַראַקטעריזירן דעם דרומדיקן מזרח יידיש איז געווען u > ü > i (וואָקאַל 51), און דערנאָכדעם דאָס אייגענע ביים לאַנגן וואָקאַל (52): ū > ǖ > ī (בירנבוים 1934; פגל. קאַץ 1994: 235—248). דאָס האָט מיטגעשלעפּט דעם אַלטן ō, וואָס איז געוואָרן ū, אויספילנדיק דעם „לאָך" אין דער סיסטעם וואָקאַלן וואָס האָט זיך אַנטבלויזט נאָכן אָנוואַער פון אַלטן ū. דאָס הייסט אַשטייגער אַז ווען ׳זוכן׳ איז אַריבער פון zūxn אויף züxn און zīxn, איז ׳נאָדל׳ אין יענע דיאַלעקטן אַריבער פון nōdl אויף nūdl, און קיין „u־לאָזער" יידיש איז לא־עלינו ניט געוואָרן (זע יאָפע 1954: 119—120).

נאָר וואָס, אַלערלייאיקע יידישע דיאַלעקטאָלאָגישע פאָרמעס פון ווייטן אַמאָל זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן אָן אַ שפור. מיר קענען נאָר דאָס וואָס האָט זיך ערגעץ אויפגעהיט, צי ביי אַ לעבעדיקן אינפאָרמאַנט, צי אין אַ געשריבענער פאָרם. ס׳האָט זיך למשל געקענט מאַכן אַז אין אַן אַמאָליקן מערב־יידישן שטח וואו ס׳האָט זיך פאַרלאָפן ū > ǖ > ī, וואו דער אַלט־יידישער ō (וואָקאַל 12) איז דערנאָכדעם טאַקע אַריבער אויף ū, איז אויך אָט דער נ י י ע ר ū אַריבער אויף ü, וואָס וואָלט ווייטער גורם געווען u־לאָזיקייט. דעמאָלט וואָלט דער „נאָענטסטער שכן", דער אַלט־יידישער דיפטאָנג ou (וואָקאַל 42) געקענט פאַרנעמען דאָס ū־אָרט, און אַזוי אַרום וואָלט באָס פריער אַריבער פון bōs אויף būs אויף bǖs (אָדער büs), „נאָכשלעפּנדיק" דעם באַטאָנטן וואָקאַל אין זונות, ער זאָל אַריבער אויף: zǘnəs אָדער zúnəs (וואָס דערפון, ביי מאָרפאָלאָגישער אינטעגרירונג אין ראָטוועלש, איז געוואָרן: zúnən).

(6) alcha (פון 1488, אין קלוגע 1901: 20).

אַפּנים [álxə] — ׳גיין׳. פון: הלך + אינפיניטיוויזירנדיקער ə- (פון ən-), אויפן משקל פון די היינטיקע יידישע ווערבן אסרן, בשרן, מסרן (און אַזעלכע וואָס האָבן היינט דעם טאָפּל אינפיניטיוו, למשל גנבענען, דרשענען, פּסקענען). דאָס אַראָפּפאַלן פונעם n וואָרט־אויס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן דרומדיקן מערב יידיש (זע למשל בעראַנעק 1965: 87; הערצאָג 1992: 121), און האָט אַמאָל געהאַט אַן אחיזה אויך אין אַנדערע דיאַלעקטן (שעכטער 1983). פון דער איבערנעמונג אין ראָטוועלש זעט זיך דער הויכער עלטער פונעם פענאָמען (וואָס איז פאַראַן אויך אין דייטשישע דיאַלעקטן). דער משקל פונעם ווערב האָט זיך גראַדע יאָ אויפגעהיט אין יידישע מקורות: איך כתבן און דו ניט כתבן קנשט טרעפט מען למשל אין רעגנסבורגער יידישן בריוו פון 1478 (אין בירנבוים 1939ב: 106); vermassert (׳פאַרמסרט׳) טרעפט זיך אין צירישער שוין אין 1385 (אין גוגענהיים־גרינבערג 1976).

(7) mäß (פון 1488, אין קלוגע 1901: 20).

אַפּנים [mēs] — ׳געלט׳, פון: מעות. אָט דאָס איז אַ זייער פאַרשפּרייטער מערב־

יידישער אַרויסרייד, וואָס ס׳געדענקען עד היום די עלטסטע מערב אשכנזים אין פּונקט דער זעלביקער געשטאַלט — mēs (אָדער mḗəs). פֿון ראָטוועלש ווערט מען געוואָר ווי אַלט עס איז אָט די פֿאָרמע. טייל האַלטן אַז דער אַרויסרייד איז אויסגעוואַקסן פֿון לייענען דעם עין ווי אויף יידיש (א. ווײַנרײַך 1965: 42; לעווענשטיין 1969: 29—31).

דער סך⸗הכל פֿון די זיבן ווערטער: די אמת⸗גערעדטע אַלט⸗יידישע שפּראַך — פֿון וועלכער די⸗אָ זיבן ווערטער זיינען אין פֿופֿצנטן יאָרהונדערט שוין איבערגענומען געוואָרן אין ראָטוועלש — איז געווען אָן אַ שיעור נעענטער צו די מאָדערנע יידישע דיאַלעקטן איידער צו די יידיש⸗ליטעראַרישע מאָנומענטן פֿון יענע צייטן וואָס שפּיגלען לחלוטין ניט אָפּ דאָס גערעדטע לשון.

*

## די צוויי סטרוקטורן

ראָטוועלשישע מקורות קענען טאַקע צושטייער געבן ביים דאָקומענטירן יידישע קלאַנגען, ווערטער און פֿראַזעס, לאַנגע יאָרן איידער זיי ווערן אַנדערשוואו דאָקומענטירט, דערצו אויך אַזעלכע וואָס זיינען צופֿעליק אויף יידיש גופֿא בכלל ניט אויפֿגעהיט געוואָרן אין אַוועלכן ניט איז דאָקומענט.

פֿאַראַן אויך אַ צווייטער תחום וואו אַ קאָמפּאַראַטיווער קוק איז מסוגל צושטייער געבן אונדזער וויסן לגבי יידיש. ס׳רעדט זיך וועגן די אונטערשיידן אין דער ס ט ר ו ק ט ו ר פֿון די ביידע לינגוויסטישע ישן.

וויפֿל אַנדערש יידיש און ראָטוועלש זאָלן ניט זיין, איז פֿאַראַן צווישן די ביידע אַ גוואַלדיקע געגליכנקייט: די עצם פֿאַראייניקונג פֿון דייטשישן מיט סעמיטישן שפּראַכיקן חומר אין אַ נייער, אייגנאַרטיקער סיסטעם (כאָטש אין ביידע גייען אַריין נאָך אַנדערע עלעמענטן — אין ראָטוועלש אַ ציגיינערישער קאָמפּאָנענט און אין שפּעטערדיקן יידיש אַ סלאַווישער). דורות פֿאָרשער פֿון ראָטוועלש האָבן שטודירט יידיש און העבראַיִש בכדי צוצוקומען צו ראָטוועלש. שוין צייט די יידישע פֿילאָלאָגיע זאָל זיך נעמען צו דעם פֿאַרגלייך פֿון אירטוועגן.

פֿון זינט ס׳איז אויפֿגעקומען די קריסטלעכע יידיש פֿאָרשונג אין זעכצנטן יאָרהונדערט און אַזש ביז צו דער נייער יידישער פֿילאָלאָגיע האָבן פֿאָרשער שטאַרק באַטאָנט (יעדער מיט זיינע השגות און זיין לשון) אַז דער צונויפֿוואוקס פֿון עלעמענטן וואָס שטאַמען פֿון דייטש מיט עלעמענטן וואָס שטאַמען פֿון לשון⸗קודש איז דער סימן מובהק פֿון אַלע מיני יידיש אין אַלע צייטן. אַנדערע קאָמפּאָנענטן זיינען ווינציקער אַבסאָלוט אין דער געשיכטע פֿון דער שפּראַך: וועגן דער קליינער סעריע ראָמאַניש⸗שטאַמיקע ווערטער (בענטשן, לייענען וכו׳) קען מען זיך אַמפּערן, צי זיי שטעלן מיט זיך טאַקע פֿאָר אַ „קאָמפּאָנענט" און צי זיי זיינען אַלע אויף זיכער געווען אין עלטסטן יידיש. דער באַדייטנדיקער סלאַווישער קאָמפּאָנענט געהערט נאָר די דיאַלעקטן פֿון מזרח אייראָפּע. אין עלטערן מערבדיקן צוויג פֿון דער שפּראַך, איז דער סלאַווישער קאָמפּאָנענט פֿאַרשטייט זיך ניט בנמצא.

פֿאַר דער נייער יידישער פֿילאָלאָגיע האָט ניט געקענט טויגן דער אַלטער, אויסגעדראָשענער קוק אויף „געמישטע שפּראַכן", וואָס איז דערצו אָפּטמאָל געווען אָנגעלאָדן סיי מיט ראַסיסטישן האַס פֿון דרויסן, און סיי מיט שפּראַכיקער זעלבסט⸗שנאה, ביי טייל יידישע סעקטאָרן, פֿון זינט די בערלינער מענדעלסאָניאַנער פֿון סוף אַכצנטן יאָרהונדערט.

באָראָכאָוו האָט אַריינגעטראָגן דעם נייטיקן קאָרעקטיוו שוין אויף די ערשטע שפּאַלטן פֿון זיינע „אויפֿגאַבן". ער האָט קאָנסטאַטירט (א) אַז קיין „ריינע" שפּראַכן זיינען בכלל ניטאָ

אויף דער וועלט; (ב) אַז ביי טייל לשונות,
צווישן זיי ענגליש און אַנדערע מעכטיקע
מלוכהשע שפּראַכן, וואַרפֿט זיך אין די אויגן
דער פֿאַרשיידנמיניקער חומר; (ג) אַז די
עלעמענטן וואָס גייען אַריין אין אַ נייער
סיסטעם געהערן אָט דער נייער סיסטעם.
באָראָכאָווס אייביקע ווערטער:

> דייטשע, העברעאישע, סלאַווישע
> עלעמענטן, באַלד ווי זיי זיינען אַריין אין
> דער פֿאָלקס־שפּראַך, הערן אויף צו זיין
> דייטש, העברעאיש, סלאַוויש, — זיי ווערן
> אָן זייער פֿריערדיקן פּרצוף און נעמען אָן
> אַ נייעם: ווערן י י ד י ש.
> (באָראָכאָוו 1913א: 9)

באָראָכאָוו באַציט זיך דאָ אויפֿן באַגריף ס י נ כ ר אָ נ י ע, ווענן דער שפּראַך ווי אַ סיסטעם פֿאַר זיך, אין אַוועלכער ניט איז צייט און אָרט, לחלוטין אומאָפּהענגיק פֿונעם עבר פֿון דעם אָדער יענעם באַשטאַנדטייל. אָט דער באַגריף איז שטאַרק פּאָפּולאַריזירט געוואָרן עטלעכע יאָר נאָכדעם, אַז ס'איז דערשינען סאָסירס *Cours de linguistique générale* (סאָסיר 1916).

באָראָכאָווס נאָכפֿאָלגער אין דער יידישער פֿילאָלאָגיע האָבן אין דער טיף און אין דער ברייט אַנטוויקלט די פֿאָרשונג איבער דער סטרוקטור פֿון יידיש. יחיאל פֿישער, אין זיין היידעלבערגער דאָקטאָראַט (וואָס אַ חלק דערפֿון איז דערשינען אין היטלערס דייטשלאַנד אין 1936), האָט דער ערשטער אויפֿגעשטעלט אַ סכעמע פּראָטאָ־יידישע וואָקאַלן וואָס נעמט אַרום אַלע קאָמפּאָנענטן פֿון דער שפּראַך (דאָס גאַנצע ווערק איז פֿאַרעפֿנטלעכט אין בן־נון 1973).

מאַקס ווײַנרייך האָט אויסגעאַרבעט אַ פּרטימדיקע סיסטעם ב אַ ג ר י פֿ ן אויף צו סיסטעמאַטיזירן די צווישנשייכותן צווישן די „שמעלצוואַרגשפּראַכן" (די שפּראַכן פֿון וואַנעט יידיש האָט אַריינבאַקומען זיין שפּראַכיקן חומר), די „דעטערמינאַנטן" (די ספּעציפֿישע וואַריאַנטן פֿון יענע שפּראַכן אין צייט און אין רוים וואָס האָבן געקענט אַריין אין יידיש), און די „קאָמפּאָנענטן" (דאָס וואָס איז אין יידיש טאַקע אַריין); די סטרוקטור פֿון יידיש באַשטייט דער עיקר אינעם פּראָצעס פֿון „אויפֿשמעלצונג" (מ. ווײַנרייך 1973: I, 32). אין גאַנג פֿון די אַלע פֿיר בענד פֿון דער געשיכטע פֿון דער יידישער שפּראַך, און בפֿרט אין קאַפּיטל „סעלעקטיווקייט און אויפֿשמעלצונג" (II, 261—320), דערווייזט ווײַנרייך, מיט אַ שלל מיט ביישפּילן, ווי טיף און דורכדרינגענדיק עס זיינען „צונויפֿגע־שמאָלצן" די קאָמפּאָנענטן פֿון יידיש אין אַן אוניקאַלער, נייער, אינגאַנצן אומאָפּהענגיקער סטרוקטור.

און וואָס טוט זיך אין אָט דעם פּרט אין ראָטוועלש?

נסים ונפלאות, דער פּראָצעס פֿון אויפֿשמעלצונג איז אָן אַ שיעור מ ע ר אינטענסיוו איידער אין יידיש. ריידן רעדט זיך ווענן דעם „פֿיזישן פּראָצעס". ווענן די גייסטיק־פּסיכאָלאָגישע פֿונקציעס קען קיין פֿאַרגלייך ניט זיין, צווישן אַ שפּראַך פֿון אַ פֿאָלק, מיט אַ האַנט־געמאַכטער שפּראַך וואָס איר זכות הקיום באַשטייט אין „סודותדיקייט לשמה". דאָ גייט בפֿירוש אין דעם, וואָס מ'קען אָפּלערנען ווענן אַ נאַטירלעכער שפּראַך, פֿון אַן אַמאָליקער געקינצלטער שפּראַך וואָס איז, צום טייל, פֿון איר אַרויסגעוואַקסן.

די ווייטערדיקע דוגמאות זיינען גענומען פֿון וואָלפֿס ראָטוועלשישן ווערטערבוך (וואָלף 1956). מיטן ברענגען ווערטער פֿון פֿאַרשיידענע תקופֿות זיינען מיר פֿאַרשטייט זיך עובר אויף די סינכראָנישע נאָרמעס; דאַרף מען ווידעראַמאָל באַוואָרענען, אַז דאָ גייט ניט אין שילדערן אַוועלכן ניט איז וואַריאַנט פֿון ראָטוועלש. ס'גייט אין אויפֿזאַמלען ראָטוועלשישע פֿאַקטן וואָס קענען האָבן אַן

אינטערעם פֿאַר דער יידישער פֿילאָלאָגיע. זיי ווערן דאָ איינגעטיילט אין דריי קאַטעגאָריעס.

(א) סעמאַנטישער איבעררוק:

אַ סך סעמיטיזמען אין יידיש האָבן דורכגעמאַכט אַ סעמאַנטישע אַנטוויקלונג אין תחום פֿון יידיש גופֿא, די באַדייטן זיינען אָבער בדרך כלל פֿאָרט ניט זייער ווייט פֿונעם מקור, אַשטייגער עושר, 'רייכטום' > 'רייכער מענטש'; עולם, 'וועלט' > 'פּובליקום'. בלויז אין זייער זעלטענע פֿאַלן זיינען די שייכותן שטאַרק פֿאַרטונקלט געוואָרן, אַשטייגער אין מהיכא תיתי 'פֿון וואַנעט קומסטו?' > 'גוט!'

דער פּראָצעס פֿון איבעראַנדערשונג ווערט פּילפּאַך פֿאַרגיכערט און אינטענסיפֿיצירט, דעמאָלט ווען ס'האַנדלט זיך אין אַ געקינצלטער שפּראַך, וואָס איז אויף דער וועלט געקומען דווקא בכדי צו זיין אומפֿאַרשטענדלעך אויסער די קרייזן פֿון די „אנשי שלומינו" מ'שטיינס געזאָגט.

נאָך יעדן וואָרט גייט דער נומער אין וואָלפֿס ווערטערבוך, וואו ס'ווערן געבראַכט פּרטימדיקע אויפֿווייזן. צו די דייטשישע טראַנסקריפּציעס ווערט דאָ צוגעגעבן אַן איבערגעבונג מיט יידישע אותיות.

Assuso! [153]. אסותא! 'זאָל זיין מיט מזל'.

Balchochem [255]. בעל־חכם. 'באַאַמטער וואָס קען די גנבים־שפּראַך'.

Balcholem [256]. בעל־חלום. 'באַאַמטער וואָס קען ניט די גנבים־שפּראַך'.

Bär-Mokum [322]. פּאַר־מקום. ['די שיינע שטאָט']. 'פֿראַנקפֿורט ד'מיין'.

Basmeloches [336]. בת־מלאכות. 'זונה'.

Chaim [824]. חיים. 'ייד'.

Chole [881]. חולה. 'געפֿאַנגענער'.

Emmes [1199]. אמת. 'אָרט וואו מ'טרעפֿט זיך נאָכן פֿאַרברעכן'.

Gehinnom [1697]. גיהנום. 'טורמע'.

jidschen [2357]. יידישן (יידשן). 'צושניידן פֿאַלשע מטבעות'.

Choze Lewone machen [3230]. חצי־לבנה מאַכן. 'איבערשניידן אַ שלאָס אין אַ האַלבן קרייז'.

mamsern [3388]. ממזרן. 'פֿאַרראַטן'.

(ב) מאָרפֿאָלאָגישע אינטעגרירונג.

אויב אָנווענדן די וויינרייכישע טערמינאָלאָגיע, וועט דאָס הייסן אַז אין ראָטוועלש איז פֿאַראַן אַ סך מער „אויפֿשמעלצונג" איידער אין יידיש. מ'דאַרף אָבער כסדר האַלטן פֿאַרן אויג אַז דאָ גייט אין בכיוונדיקער „שפּראַך מלאכה", וואָלט עס געקענט אפשר הייסן „שדכנות". אין אָט דער קאַטעגאָריע זיינען די געבראַכטע יידישע שרייבונגען בדרך כלל אַ היפּאָטעטישע קאָנסטרוקציע בכדי אַרויסצוהייבן, ווי אַזוי די ווערטער ו ו אָ ל ט ן אויסגעזען אויף יידיש.

Acherponim [31]. אח(ו)ר־פּנים. 'מענטשלעכער הינטער־חלק'.

ausmeschalechnen [199]. אויסמשלחנען. 'טראַנספּאָרטירן'.

Elemer [1190]. נעלימער. 'שיך'.

Jaarchasser [2301]. יער־חזיר. 'ווילדער חזיר', 'וואַלד־חזיר'.

leftoftig [3179]. לב־טובדיק. 'גוטהאַרציק', 'ניט אויסגעשולט אַלס גנב'.

majemen [3368]. מימ'ען. 'רעגענען'.

Melochener [3522]. מלאכהנער. 'אַרבעטער', 'האַנטווערקער'. ס'איז אַ פּראָדוקטיווע פּאַראַדיגמע, פּגל. למשל Kassiwemelochner [2510], כתיבה־מלאכהנער 'פּאַס־פֿעלשער'.

Paßk'ner [4062]. פּסקענער. 'ריכטער'.

(ג) פֿאַרבייט פֿון שורש.

אין זעלטענע פֿאַלן, נעמט מען אין ראָטוועלש און מ'פֿאַרבייט אַ „שורש" מיט אַ

לשון⸗קודשדיקן „עקוויוואַלענט”, למשל: ausameden [186]. אויסעמדן. ′אויסשטיין′. מ′האָט דאָ גענומען דעם „שטיין” און אים פֿאַרביטן מיטן שורש עמד וואָס איז טייטש ′שטיין′. די אויפֿשמעלצונג איז מער אינטענסיוו אין veraumen [6037], טייטש ′פֿאַרשטיין′ (וואו די עטימאָלאָגיע איז וואָלפֿן ניט באַקאַנט). די „פּולערע” פֿאָרמע טרעפֿט מען אין Ich veraumed den Masso umatthon ′איך פֿאַרשטיי דעם משא⸗ומתן [דאָס געשעפֿט]′, אין דער באַשרייבונג פֿון דער סודותדיקער פֿערדהענדלער שפּראַך ביי רייצענשטיין (1764: 222). טאַקע אין פֿערדהענדלער לשון איז דער פּראָצעס פֿון שורש⸗פֿאַרבייט אַן אָנגעזעענער. מ′טרעפֿט אַפֿילו obs mir tippelt ′אויב ס′געפֿעלט מיר′, וואו געפֿעלן ווערט (שפּילעוודיק⸗קאַטאָוועסדיק) אידענטיפֿיצירט מיט פֿאַלן און דאָס ווידער מיטן לשון⸗קודשדיקע תּיפּול ′דו וועסט פֿאַלן \ זי וועט פֿאַלן′. (אין טיילן מערב יידיש האָט מען אָנגעווענדט תּיפּול אויף ′עפּילעפּסיע′; דאָס איז אָבער אַן אַנדער סוגיא.)

אָט די לעצטע קאַטעגאָריע, וואָס איז אַ גרויסע זעלטנהייט אויך אויף ראָטוועלש, קומט ווי אויף צו זאָגן אָפֿענערהייט אַז דאָ איז אַ „געמאַכטע זאַך”. די ערשטע צוויי גרופּעס פֿאַרקערט, סעמאַנטישער איבערדרוק און מאָרפֿאָלאָגישע אינטעגרירונג, שטעלן מיט זיך פֿאָר פּראָצעסן וואָס האָבן אַנאַלאָגן אין יידיש און אין אַנדערע שפּראַכן.

*

## צום אורשפּרונג פֿון ראָטוועלש

די נפֿקא⸗מינה שטעקט אין דער מאָס. פּראָצעסן פֿון אויפֿשמעלצונג וואָס מען טרעפֿט אויף יידיש מעסיקערהייט געפֿינט מען אויף ראָטוועלש אינגאַנצן אומגעצוימט. דער פּועל⸗יוצא איז אַ שפּראַך, זאָל זיין אַ באַוואוסטזיניק⸗געמאַכטע, זאָל זיין אַ גנבֿימדיקע, וואו „יידישלעכע” מעכאַניזמען טרעפֿן זיך — נאָך מער ווי אויף יידיש.

צו אַזעלכע אַבסטראַקציעס דאַרף מען אָבער נעמען אין באַטראַכט אַ פֿאָסטולירט היסטאָריש בילד, ווי אַזוי די ראָטוועלשישע קאָנסטרוקציעס זיינען געוואָרן. קיין „יש מאין” זיינען זיי ניט געווען.

עס קען קיין ספֿק ניט זיין, אַז די ע ר ש ט ע שאַפֿער פֿון אַ נישקשהדיקן חלק פֿון ראָטוועלש זיינען געווען יידן בלאַטע⸗חברהניקעס, וועלכע האָבן זיך איינגעקלערט אין דער סטרוקטור פֿון זייער טאָגטעגלעכער שפּראַך (יידיש) און אינטואיטיוו צי באַוואוסטזיניקערהייט „נאָכגעמאַכט”, „אינטענסיפֿיצירט” און „וייטערגעפֿירט” די פּראָצעסן וואָס זיי האָבן תּופֿס געווען אין זייער מוטערשפּראַך.

מאַקס ווייַנרייך האָט פּרעציזירט דעם פֿענאָמען אויף יידיש וואָס ער רופֿט „קאָמפּאָנענטן⸗וויסיקייט” (מ. ווייַנרייך 1973, II: 318—320). דאָס הייסט, אַז דער דורכשניטלעכער יידיש רייִדנדיקער ייד אין משך פֿון די טויזנט יאָר אשכנז, האָט בדרך כלל געוואוסט פֿון וואַנעט עס שטאַמען די פֿאַרשיידענע עלעמענטן אין זיין שפּראַך (וואו מער און וואו ווייניקער, איז מען געבליבן „אין קאָנטאַקט” מיט וואַריאַנטן פֿון די שמעלצוואַרגשפּראַכן).

פֿון ראָטוועלש ווערט קלאָר אַז מ′דאַרף זיך אויך רעכענען מיט באַוואוסטזיניקייט אין דעם פּ ר אָ צ ע ס גופֿא פֿון דער אויפֿשמעלצונג. אַדאַנק אָט אָ דער באַוואוסטזיניקייט זיינען יידיש רייִדנדיקע יידן בכּח געווען צו שאַפֿן אַ ניי לשון, כאָטש קיין פֿילאָלאָגן זיינען זיי ניט געווען, און צו זאַמענהאָפֿן קומען זיי דאָך אַוודאי ניט. די נויטווענדיקייט אין סודותדיקייט, וואָס למעשה הייסט דאָס: אַנדערשדיקייט, איז געווען דער מאָטיווירנדיקער פֿאַקטאָר, סיי אין דער עצם אונטערנעמונג, סיי אין דעם אופֿן

אויף וועלכן מ׳האָט דורכגעפירט די אַרבעט פון שפּראַך⸗שאַפונג.

*

## צו דער מעשה בראשית פון ייִדיש

ס׳איז אָבער תיקו בלייבט אַ קשיא: פאַרוואָס איז דער פּראָצעס פון אויפשמעלצונג אין ייִדיש געבליבן אַזוי באַגרענעצט, רעלאַטיוו גערעדט, אין גאַנג פון די אַלע דורות? דאָ קען מען, מיט אַלע באַוואָרענישן, עפּעס וואָס דרינגען בנוגע דער עצם מעשה בראשית פון ייִדיש.

אין משך פון די דורות איז דער פּראָצעס פון אויפשמעלצונג צוביסלעך, אײַדעלערהייט טאַקע ווייטערגעפירט געוואָרן. נאָר וואָס, דער ווייט גרעסטער חלק פון דער צונויפוואַקסונג פון די ביידע קאָמפּאָנענטן האָט זיך פאַרלאָפן ניט בהדרגהדיק, אלא וואָדען: אין סאַמע ערשטן דור פון דער ייִדישער באַזעצונג אין עלטסטן אשכנז, עלעהיי צוויי פּלאַנעטן אין קאָסמאָס וואָס פליען אַריין איינער אינעם אַנדערן מיט אַ בראַזג, אַרויסלאָזנדיק בשעת מעשה אַ דריטן. אָט די גערירשנטע קאָנפיגוראַציע איז געבליבן פאַרהעלטענישמעסיק סטאַביל אין משך פון טויזנט יאָר, ווי עס איז צו זען אויך פון דער אַנאַלאָגישער סטרוקטור פון אַלע ייִדישע דיאַלעקטן (בתוכם די אויסגעלאָשענע מערבדיקע וואַריאַנטן).

דער עלטסטער ייִדיש (קדמון ייִדיש) איז באַלד דערגאַנגען צו אַ סטאַביליקייט און איז דערנאָך פאַנאַנדערגעוואַקסן אין די אַלע ייִדישע דיאַלעקטן. אָט די איינמאָליקע געשעעניש אין דער געשיכטע קענען מענטשלעכע כוחות „נאָכמאַכן“, „אינטענסיפיצירן“ און „ווייטערפירן“, פּונקט ווי אַזויפל מענטשלעכע שאַפונגען, וואָס ווערן פונדעסטוועגן אינספּירירט פון זאַכן וואָס טרעפן זיך נאָר און בלויז אינעם נאַטירלעכן גאַנג.

## ביבליאָגראַפיע


אַווע⸗לאַלעמאַן, פ.ק.ב. 1858–1862
Friedrich Christian Benedict Avé-Lallemant, *Das Deutsche Gaunerthum in seiner social-politischen, literarischen und linguistischen Ausbildung zu seinem heutigen Bestande*, F. A. Brockhaus: Leipzig.

באָראָכאָוו, בער 1913א
„די אויפגאַבן פון דער ייִדישער פילאָלאָגיע“ אין ש. ניגער 1913: 1—22.

1913ב
„די ביבליאָטעק פונעם ייִדישן פילאָלאָג“ אין ש. ניגער 1913: 1—68 [באַזונדערע פּאַגינאַציע צום סוף פון באַנד].

ביבליאָפילוס 1742
Bibliophilus, *Jüdischer Sprach-Meister, oder Hebräisch-Teutsches Wörterbuch*, Frankfurt & Leipzig.

בירנבוים, שלמה 1922
Salomo Birnbaum, *Das hebräische und aramäische Element in der jiddischen Sprache*, Gustav Engel: Leipzig.

1934 „די היסטאָריע פון די אַלטע U קלאַנגען אין יידיש" אין ייוואָ בלעטער 6: 25—60.

1939א Solomon A. Birnbaum, "The Age of the Yiddish Language": *Transactions of the Philological Society* 1939: 31—43.

1939ב „דאָס עלטסטע בריוול אויף יידיש" אין י. א. ליסקי, נ. מ. סידאָ און א. נ. שטענצל (רעד.), יידיש לאָנדאָן II: 106—109.

בן־נון, יחיאל
1973 Jechiel Bin-Nun, *Jiddisch und die deutschen Mundarten. Unter besonderer Berücksichtigung des ostgalizischen Jiddisch*, Max Niemeyer: Tübingen.

בעראַנעק, פראַנץ
1965 Franz J. Beranek, *Westjiddischer Sprachatlas*, N. G. Elwert: Marburg.

גוגענהיים־גרינבערג, פ.
1976 Florence Guggenheim-Grünberg, "Sprachen und schrieben die Zürcher Juden Jiddisch zu Ende des 14. Jahrhunderts?" Vortrag Kolloquium über Fragen des älteren Jiddischen, Universität Trier.

גלאַנץ, רודאָלף
1968 *Geschichte des niederen jüdischen Volkes in Deutschland. Eine Studie über historisches Gaunertum, Bettelwesen und Vagantentum*, Leo Bäck Institute & Yivo: New York.

האַלידעי, מ. א. ק.
1976 M. A. K. Halliday, "Anti-Languages": *American Anthropologist* 78.3: 570—584.

הערצאָג, מיכל
1992 Marvin I. Herzog (editor-in-chief), *The Language and Culture Atlas of Ashkenazic Jewry*. Volume 1: *Historical and Theoretical Foundations*, Max Niemeyer: Tübingen & Yivo: New York.

וואָלף, זיגמונד
1956 Siegmund A. Wolf, *Wörterbuch des Rotwelschen. Deutsche Gaunersprache*, Bibliographisches Institut AG: Mannheim.

ווײַנרײַך, אוריאל
1965 העברית האשכנזית והעברית שביידיש. בחינתן הגיאוגרפית: ירושלים [איבערדרוק פון לשוננו 24: 242—252; 25: 57—80, 180—196 (1959—1961)].

ווײַנרײַך, מאַקס
1940 „יידיש" אין אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן ב (פּאַריז): 23—90.

1958 „בני־הית און בני־חית אין אשכנז: די פּראָבלעם — און וואָס זי לאָזט

אונדז הערן" אין שלמה ביקל און לייבוש לעהרער (רעד.), שמואל ניגער בוך, ייווא: ניו־יאָרק.

1960 Max Weinreich, "Old Yiddish Poetry in Linguistic-Literary Research": *Word* 16: 100—118.

1973 געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך. באַגריפן, פאַקטן, מעטאָדן, ייווא: ניו־יאָרק.

זעליג, גאָטפריד
1792 Gottfried Selig, *Lehrbuch zur gründlichen Erlernung der jüdischdeutschen Sprache für Beamte, Gerichtsverwandte, Advocaten und insbesondere für Kaufleute*, Voss und Leo: Leipzig.

יאָפע, יודא א.
1954 Judah A. Joffe, "Dating the Origin of Yiddish Dialects": U. Weinreich (ed.), *The Field of Yiddish, Studies in Yiddish Language, Folklore, and Literature*, Linguistic Circle of New York: New York.

לוטער, מארטין
1528 "Vorrede Martini Luther": *Von der falschen Betler büeberey / Mit einer Vorrede Martini Luther*. Wittemberg.

לעווענשטיין, ש.
1969 Steven Lowenstein, "Results of Atlas Investigations among Jews of Germany": M. I. Herzog, W. Ravid, U. Weinreich (eds.), *The Field of Yiddish. Studies in Language, Folklore, and Literature. Third Collection*, Mouton: The Hague.

מאַרשאַן, דזשיימס וו.
1959 רעצענזיע איבער פוקס (1957) אין *Word* 15: 383—394.

נאָבל, שלמה
1964 „העברעאיזמען אין דעם יידיש פון מיטל־אשכנז אין 17טן יאָרהונדערט" אין מאַקס ווײַנרײַכן צו זײַן זיבעציקסטן געבוירנטאָג, מוטאָן: האַג, קכ—קל [401—411].

ניגער, ש.
1913 (רעד.), דער פּנקס. יאָרבוך פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך, פאַר פאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפיע, ב. א. קלעצקין: ווילנע.

סאָסיר, פערדינאַנד דע
1916 Ferdinand de Saussure, *Cours de linguistique générale*. Publié par Charles Bally et Albert Sechehaye, Librairie Payot: Lausanne & Paris.

עססער, ה.
1927 Hermann Esser, *Die jüdische Weltpest. Kann ein Jude Staatsbürger sein*? Verlag Franz Eher Nachfolger: München.

פּעלץ, רחמיאל 1990
„די פּאָליטיק פֿון פֿאָרשן די גערעדטע שפּראַך אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד“ אין אָקספֿאָרדער ייִדיש 1: 141—158.

פֿוקס, לייב 1957
L. Fuks, *The Oldest Known Literary Documents of Yiddish Literature (c. 1382)*, E. J. Brill: Leiden.

צונץ, לעאָפּאָלד 1832
Leopold Zunz, *Die gottesdienstlichen Vorträge der Juden, historisch entwickelt*, A. Asher: Berlin.

קאַץ, הירשע־דוד
1991א
„דער סעמיטישער חלק אין ייִדיש. אַ ירושה פֿון קדמונים“ אין אָקספֿאָרדער ייִדיש 2: 17—95.

1991ב
Dovid Katz, “The Children of Heth and the Ego of Linguistics. A Story of Seven Mergers”: *Transactions of the Philological Society* 89.1: 95—121.

1994
„נייע גילגולים פֿון אַלטע מחלוקתן: די ליטווישע נאָרמע און די סיכסוכים וואָס אַרום איר“ אין ייוואָ בלעטער, נייע סעריע 2: 205—257.

קלוגע, פֿרידריך 1901
Friedrich Kluge, *Rotwelsch. Quellen und Wortschatz der Gaunersprache und der verwandten Geheimsprachen*, Karl J. Trübner: Strassburg.

ראָזענפֿעלד, משה 1988
Moshe Rosenfeld, “Early Yiddish in Non-Jewish Books”: D. Katz (ed.), *Dialects of the Yiddish Language* [= *Winter Studies in Yiddish, 2. Papers from the Second Annual Oxford Winter Symposium in Yiddish Language and Literature, 14—16 December 1986*], Pergamon: Oxford, 99—103.

רייצענשטיין, וו. ע. 1764
Wolf Ehrenfried von Reizenstein, *Der vollkommene Pferde-Kenner*, Joh. Simon Meyer: Uffenheim.

שטיינשניידער, מ. 1864
M. Steinschneider, “Jüdische Litteratur und Jüdisch-Deutsch. Mit besonderer Rücksicht auf Ave-Lallemant”: *Serapeum* 25: 33—104 [טייל].

שעכטער, מרדכי 1983
„די בני־נון אין אשכנז“, רעפֿעראַט אויף דער צווייטער אינטער־נאַציאָנאַלער קאָנפֿערענץ פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור אין אָקספֿאָרד, 10—15 יולי 1983.



Composed by Empire Press Brooklyn
Produced by Graf Design Oxford